Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1937

36

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 36

באנאכט זעען אויס די באראקן, ווי ברונעמס,
באנאכט איז דאָרט שטיל. און די רו איז פארשניצט;
און יעטווידער אופרײַס וועקט אוף, ווי א דונער,
און יעטווידער אופרײַס שנײַדט אוף, ווי א בליץ.

די נאכט שנײַדט זיך אוף און זי רײַסט זיך און פּערטלט,
און בלאנקענדיק-ליכטיק איז יעטווידער ריס;
און ס'קומט ניט קיין שלאָף אין באראק בא די נעכט דאָרט,
מע זיצט אף די נארעס פארבויגן די פיס.

מע רייכערט ציגײַערס, געדיכט, ווי די נעפּלען,
און איינער באם צווייטן פארציט דאָרט דעם רויך;
און שטיל הערט מען אײַן זיך — אף וואָס וויינט דער דניעפּער?
און שטיל רײַסט זיך איבער אפצווייען די הויך.

ראקעטעס זיכ רײַסנ, ווי בלענדיקע טאָפּאָלס,
זיי גיבנ אינ שויב פונ באראק נאָר א ווונק.
אונ ווו איז דער ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל,
אונ וואָס טוט אימ ווײ דאָרט? אונ וואָס איז זײַנ ווונד?

עס קרעכצנ די הייבערס, אונ ס'זעצנ די האמערס,
זיי שפאלטנ די כוואליעס אונ רײַסנ די טיפ;
עס וויגט דער באנאכטיקער הילכ זיכ אינ פלאמענ, —
צי הייבט מענ ניט אופ א דערטרונקענע שיפ?

אונ שטיל גייט דער ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל,
עס שלעפנ די שטיוול אימ ערגעצ צוריק;
ער לייגט זיכ אפ נארע, ער בעט זיכ צוקאָפּנס,
אונ ס'דאכט זיכ אימ אויס, אז ס'איז נאָכ אזוי פרי...

די נאכט איז צעשניטנ. די נאכט איז צעפלאמעסט,
אונ ס'ווארפנ זיכ פײַערס, ווי פיש, אפנ דניעפּ.
אונ ס'ווארגט זיכ דער ברעג דאָרט מיט שטאָל אונ מיט שפּאלעס,
אונ ס'ווארגט זיכ דער ייִד מיטנ אָטעמ־פארשעפּ.

די נאכט איז צעשניטנ אפ בלענדיקע פלאכנ,
זי האָט זיכ צעעפנט מיט פינצטערער טראכט.
דער ייִד איז ניט גרייט נאָכ, ער איז נאָכ ניט פארטיק,
ער האָט עפּעס נאָכ ניט אינגאנצנ באטראכט,

ער האָט עפּעס נאָכ ניט אינגאנצנ פארשטאנענ,
ער האָט עפּעס נאָכ ניט אינגאנצנ באקלערט,

אז אָט איז דאָס לעבן — א רעגע פונדאנען,
און אָט איז די נארע... און אָט איז די ערד,

און אָט זײַנען שטײנהעקער — ערשט פון דער וואכטע,
אָט זײַנען זײ אלע אזוינע, ווי ער;
אז אָט איז דער אָטעם... אז אָט איז די נאכט דאָך...
און אָט איז דער הימל... און אָט איז די ערד...

איז ווו זשע, ווו זײַנען זײ?.. וואָס איז געווען דאָ?..
עס רײַסט זיך דער דניעפּער! סע דונערט, סע קראכט...
אָט ליגן דאָך זײַנע פארלאטעטע העמדער,
אָט איז דאָך דער טאָג... אָט איז דאָך די נאכט...

אָט איז עס דאָך — אלץ! אָט — פון אונטן ביז אויבן!
ס'איז וועמעס? ס'איז זײַנס? פון זוים ביז צו זוים!
ער קוקט אפן קאוון. ער זוכט זײַנע גרויפּן,
זײ זאָלן זיך אלע צעשרײַען אזוי!

אזוי, ס'זאָל די נאכט אים אוועק פון צוקאָפּנס.
איז טאפּט ער די נארע און זוכט זיך אליין.
וווהין איז אוועקגאנ זײַן שטאָט מעליטאָפּאָל?
וווהין איז פארשוווּנדן זײַן כאָרעזע הײם?

נאָר שטיל אין באראק איז, די שאָטנס צעקלעטערט
פון ווענט אפ דער סטעליע, פון סטעליע אפ ווענט;
דערמאָנונגען שטײנהעקערס האקן און קנעטן
און קנעטן זײ נאָכאמאָל אויס מיט די הענט.

און אײנער דערקלערט דאָרט, אַז גאָט איז פֿאַראַנען,
דער אַנדערער גענעצט, אַז אים איז אַלצײנס.
אָפּ פֿענצטער פֿאַרטריקנטע בלומען דערוויאַנען,
אָפּ נאַרע באַם ייִדן זיך פּלאָנטען די צײן.

און ווער ס'האָט פֿאַריבל אָפּן נאַכטיקן קלאַפּן,
און ווער אָפּ דער מאַכט, און ווער ס'גיט דאָרט אַ רופֿ:
— ווּעסט אַמאָל אויפֿהערן, דו, מעלינכאָפּאָל? —
— געגוג דיר צו כאָרכלען! האָדי! הער אויף! —

און אײנציקווײַז קריכט מען אַרופּ אָפּ די נאַרעס,
און אײנציקווײַז פֿאַלן אין דרעמל די קעפּ;
עס סקריפּען די ברעטער, און מײַלער זיך שפּאַרן,
עס סקריפּעט פֿון ווײַטן און ס'שפּאַרט זיך דער דניעפּ.

עס שלאָפֿט דער באַראַק אײַן. די שאָטנס זיך שטאָפּן,
מיט רויכיקע ווענט אין דער שטיל זיך מע שפּאַרט.
געטראַכט האָט דער ייִד פֿון דער שטאָט מעליטאָפּאָל,
און דאָך האָט ער עפּעס אַזוי ניט דערטראַכט.

אַ קער אָפּ דער זײַט — און אַנשוויגן געוואָרן,
אַ קער אָפּ דער צווייטער — און שאַ. און — אויס...
צוויי זעקעלעך גרויפּן, וואָס אונטער דער נאַרע,
און נאָך עפּשער צוויי ניט־דערקליבענע בלויז...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

באַנאַכט זענען אויס די באַראַקן, ווי ברונעמס,
באַנאַכט איז דאָרט שטיל, און די רו איז פֿאַרשניצט.

און יעטווידער אופרײַס וועקט אוף, ווי א דונער,
און יעטווידער אופרײַס וועקט אוף, ווי א בליץ.

און ס'כאפט זיך אוף איינער. א שפּײַ און — א דורכגאנג.
ער זאמט זיך א רגע און — צריק. עס איז שטיל.
נ'דעם ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל ער שטורכעט
און וועקט אים: — באדארפסט ניט אמאָל אפּנ ווינט?.. —

ער שטייט נעבנ אים, און ער שרעקט זיך און רעדט;
און ס'איז — שא. און ס'איז — אויס. און די שטיוול שוינ קלאָפּנ:
— ברידער, שטייט אוף! אינדערגיך! איר זעט?
ער שלאָפט, מעליטאָפּאָל — ! Затих Мелитополь

ס'איז דאָרטנ דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל
געלעגנ אזוי ווי אינמיטנ דעם וועג,
ווי פון א וואָגנ ארונטערגעפאלן,
און ס'איז דער וואָגנ זיך ווײַטער אוועק...

האָט מענ די פיס בא אים אויסגעלייגט ריכטיק,
האָט מענ די הענט אים אינ אָרדנונג געבראכט, —
און שווײַגנדיק האָט מענ פארלאָשנ דאָס ליכט דאָרט,
און צריק זיך געלייגט דאָרט דערשלאָפנ די נאכט.

א כראָפּע געטאָנ האָט מענ בייזער און הארבער
און איבערגעכראָפּעט מיט וואָרט זיך געהיים:
— א שטילער געווענ... און ערלעך געארבעט...
געקליבנ גרויפּנ — אלץ פאר דער היים.

געקליבן א גאנצן סעזאָן — געקליבן...
א ייִד מיט גרויפּן... מיט טאָרבעלעך צוויי —
באַדאַרפט וואָלט מען אָפּשיקן וואָס ס'איז געבליבן...
א ייִד — און ווער ווייסט ווו ס'איז ערגעץ זײַן היים? —

און אופגעגאַנגען זײַנען קאַיאָריק די ברעגן,
די שטערן געריסן ווי צײַטיקן בעז;
דעם פעלדזן־באַרג האָט מען געהאַקט און געבּרעקלט,
נ'די הרעבליע ז'געגאַנגען, ווי א בלויער עקספּרעס.